# פרשת במדבר - נשא כ"ח אייר – י"ב סיון תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן ק"ס סעיף ט') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם (ויקרא כו-ג). רש"י שטעלט זיך, אז מען זאגט שוין ואת מצותי תשמרו, אז מען זאל אפהיטן אלע מצות, ליגט דאך אין דעם אלעס. וואס האט די תורה עקסטער צוגעגעבן אם בחוקותי תלכו, אז מען וועט גיין אין מיינע חוקים. און רש"י זאגט, אז עס גייט ארויף, שתהיו עמלים בתורה, אז מען וועט זיך פלאגען אויף תורה, און מען וועט אפהיטן די מצות, דעמאלטס וועלן זיין די אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט אין די פרשה.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז. די גמרא (תענית ד.) זאגט, אז יודען האבען געבעטן פונעם אייבערשטען שלא כהוגן, א נישט ריכטיגע בקשה, און דער אייבערשטער האט זיי גע'ענטפערט כהוגן. יודען האבן געזאגט פארן אייבערשטען (שיר ח-ו) שימני כחותם על לבך, כחותם על זרועך, לייג אונז, אז מיר זאלן זיין אזוי ווי א זיגל וואס מען טראגט אויפן הארץ, אזוי ווי א זיגל וואס מען טראגט אויף די ארעם. דער אייבערשטער זאל נעמען כנסת ישראל, און ער זאל זיי לייגן אויף זיך אזוי ווי א חותם. און דער אייבערשטער האט געזאגט, דו בעהטס אז איך זאל דיך לייגען אויף מיין הארץ, צו אויף די זרוע, דאס איז א פלאץ וואס אמאל איז עס מגולה, און אמאל איז עס מכוסה. ווען מען איז אויסגעטון איז דער הארץ אפען, און ווען מען איז אנגעטון איז די הארץ פארדעקט. קומט אויס, אז אויב איך וועל ענק לייגען אויף מיין הארץ, וועל איך ענק נישט זעהן אייביג. ווען מען איז אנגעטון, זעהט מען נישט וואס עס טוט זיך אויפן הארץ. זאגט דער אייבערשטער, איך וועל ענק לייגען אויף די כף הידים, אויף מיינע הענט, שנאמר (ישעיה מט-טז) הן על כפים חקותיך, איך וועל דיך אויסקריצן אויף די כפים. - און 'חקותיך', עס וועט זיין א חקיקה. אמאל איז דא וואס מען שרייבט עפעס אויף די האנט, און עס קען אפגעמעקט ווערן. אבער א חקיקה איז טייטש, א זאך וואס איז אריינגעקריצט, עס ווערט איינס כביכול מיט די האנט פונעם אייבערשטען.

**עס** שטייט אין **יערות דבש** (ח"ב דרוש ח), וואס מיינט אז יודען האבען געבעטן כחותם על לבך, און דער אייבערשטער האט געזאגט, הן על כפים חקותיך. זאגט ער, אז די עיקר עבודה פון א יוד דארף זיין, צו דינען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, ולעבדו בכל לבבכם (דברים יא-יג). עס איז נישט גענוג וואס א יוד טוט בפועל די מצות וואס דער אייבערשטער האט אונז געהייסען, נאר מען דארף עס טון מיט אהבת ה' און מיט יראת ה'. אמאל טוט מען א מצוה כמצות אנשים מלומדה, מען לייגט תפילין יעדן טאג, מען טוט אן דעם טלית יעדן טאג, און מען איז מקיים אנדערע מצות, ווייל מען איז שוין צוגעוואוינט. רחמנא לבא בעי (רש"י סנהדרין קו:), דער אייבערשטער דארף די הארץ, אז דו זאלסט זיין דערביי, און טון די מצוה מיט א חשק און מיט א שמחה. מצוה דלאו איהו בדחילו ורחימו לא פרחית לעילא (תיקוני זוהר י כה:), טאמער עס פעלט די אהבה און די יראה פון די מצוה, גייט עס נישט ארויף אויבן. עס איז טאקע א מצוה, און מען באקומט דערויף שכר, אבער עס איז נישט די ריכטיגע וועג פון די מצוה.

**יודען** האבען פארשטאנען אז ווען מען וויל בעטן פונעם אייבערשטען אז מען זאל זיין אויסגעקריצט ביים אייבערשטען, איז עס נאר ווען יודען דינען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, דעמאלטס קען מען פארלאנגען פונעם אייבערשטען אז דער באשעפער זאל אונז מאכען אזוי ווי א חותם. אבער טאמער עס פעלט דאס הארץ, אפילו מען טוט אלע מצות וואס מען דארף

צו טון, האבן זיי נישט געהאט די חוצפה צו בעטן פונעם אייבערשטען, אז אונז זאל מיר זיין אזוי ווי א חותם. האבען יודען געזאגט, שימני כחותם על לבך, מאך אונז ווי א חותם, ווען אונז וועל מיר דיך דינען מיטן הארץ, דעמאלטס זאלסטו אונז מאכען אזוי ווי א חותם. האט דער אייבערשטער געענטפערט דערויף, זענען דען יודען שטענדיג אין די מדריגה אז זיי זאלן דינען דעם אייבערשטען מיטן הארץ, אמאל איז דא וואס מען דינט דעם אייבערשטען נאר מיט די הענט. האט דער אייבערשטער געזאגט, הן על כפים חקותיך, איך וועל דיך אויסקריצען אויף די הענט, אפילו עס וועט פעלן דער לב, דו וועסט נישט האבען א הארץ, אבער סוף כל סוף אויב במעשה וועט ער זיך פירען ערליך און טון דעם רצון ה', וואס מען דארף צו טון וועט מען טון, און וואס מען דארף נישט צו טון, טוט מען נישט, זאגט דער אייבערשטער, 'הן על כפים', אפילו נאר פאר די הענט אליין, 'חקותיך', וועל איך דיך אויך אויסקריצען. אזוי טייטשט דער **יערות דבש**.

**דער** מדרש (ויק"ר לה-ד) טייטשט, אז 'בחוקותי' איז א לשון חקיקה, חוקות שחקקתי בהם שמים וארץ. עס איז דא א חקיקה וואס דער אייבערשטער האט אונז חוקק געווען, הן על כפים חקותיך, דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקריצט על כפים. מען וועט מיינען אז די ברכות וואס דער אייבערשטער זאגט צו פאר אונז, איז נאר ווען יודען וועלן טאקע זיין אין די מעלה אז מען וועט מקיים זיין אלע מצות מיטן גאנצן הארץ, און דעמאלטס וועלן קומען די ברכות, אבער טאמער עס וועט פעלן די הארץ דערפון, וועט דער אייבערשטער נישט געבן דאס וואס עס שטייט אין די תורה. האט דער אייבערשטער געזאגט, 'אם בחוקותי תלכו', אויב עטץ וועטס גיין 'בחוקותי', אויף דעם וועג ווי אזוי איך האב ענק חוקק געווען, 'הן על כפים חוקותיך', איך האב ענק אויסגעקריצט אויף מיין האנט. אפילו מען וועט נאר מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען בפועל, 'תלכו', וועט איר גיין, זאגט אויך דער אייבערשטער צו, אז עס וועט זיין ונתתי גשמיכם בעתם, ונתנה הארץ יבולה, וועט אונז דער אייבערשטער געבן וואס מען דארף.

**מען** האלט פאר מתן תורה, צו מתן תורה דארף מען האבען א הכנה. דער אייבערשטער האט אונז מצווה געווען פאר מתן תורה שלשת ימי הגבלה, טעג פון פרישה, אז מען וויל מקבל זיין די תורה, דארף זיך א יוד צוגרייטען דערצו. ווען א יוד גרייט זיך צו, ער טוט זיך אפשיידען פון עניני עולם הזה, כאטש די צוויי דריי טאג פאר מתן תורה, איז ער זוכה שפעטער צו מתן תורה. און ווי מער די הכנה פון א יוד איז, איז ער זוכה שפעטער מקבל צו זיין די תורה אויף א העכערע מדריגה. זאל דער אייבערשטער געבן אז מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און דינען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק מייזעלס** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ירמי' מאיר פאגעל** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם יהודא האפפמאנן** הי"ו, שהתקיים באולם דיקאריועם.

*

***<u>יום שני פרשת במדבר</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אברהם יהודא האפפמאנן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **ירמי' הערשקא** הי"ו (בן הר"ר יוסף הערשקא הי"ו), שהתקיים בבית מדרשנו התאחדות אברכים. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** וואונטשט אן בייַ א ברית, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. עס

שטייט אין הייליגע ספרים, אז די כניסת הברית איז די התחלה פון די קדושה פון א קינד. דאס גיט דעם וועג אז ער זאל קענען שפעטער אריינקומען צו די איבריגע קדושות פון תורה און חופה און מעשים טובים. וואונטשט מען אן פאר די עלטערן, אז אזוי ווי זיי האבן מכניס געווען דאס קינד צום ברית, וואס דאס איז די התחלה פון די קדושה, זאל ער קענען ווייטער אויך ממשיך זיין און אריינקומען אין די איבריגע קדושות.

**עס** קען אפשר זיין נאך אן ענין דערין. מען געפונט אין סוף פרשת כי תשא, זאגט די פסוק (שמות לד-כז) ויאמר ה' אל משה כתב לך את הדברים האלה, שרייב די ווערטער פון די תורה, כי על פי הדברים האלה, כרתי אתך ברית ואת ישראל, ווען די ווערטער האב איך כורת געווען א ברית מיט דיר און מיט יודען. די גמרא (גיטין ס:) דרשנ'ט, אז די כריתת הברית איז געווען וועגן תורה שבעל פה. על פי הדברים האלה, אויפן דיבור האט דער אייבערשטער כורת ברית געווען. וואס איז דער ענין אז די כריתת הברית איז געווען אויף תורה שבעל פה.

**אין** די גמרא (שבת קה:) שטייט, אז א יוד האט אויף זיך די קדושה פון א ספר תורה. ווען מען זעהט בשעת א יוד גייט ל"ע אוועק פון די וועלט, איז דא א חיוב קריעה. אזוי ווי אויף א ספר תורה שנשרפה דארף מען קורע זיין, אזוי איז יעדער נפש מישראל אזוי ווי א ספר תורה. וואס איז דער ענין אז א יוד איז אזוי ווי א ספר תורה.

**אזוי** ווי עס איז דא תורה שבכתב, איז דא תורה שבעל פה. אזוי ווי תורה שבכתב איז דא א קלף אויף וואס עס ווערט אראפגעשריבן די תורה, און דאס האלט אויף זיך די תורה, אזוי אויך ביי תורה שבעל פה איז דער יוד אליין, דער גוף פון א יוד, איז דער קלף פארן תורה שבעל פה. קומט אויס, אז ווען עס גייט אוועק א יוד פון דער וועלט, איז עס ווי א ספר תורה שנשרפה. א ספר תורה שנשרפה איז א ספר תורה פון תורה שבכתב, און דאס איז א ספר תורה פון תורה שבעל פה.

**און** אז א יוד האט די קדושה פון א ספר תורה, איז דאך פונקט ווי ביי א ספר תורה איז די הלכה אז דער קלף אויף וואס מען שרייבט די ספר תורה דארף מען קודם מקדש זיין. מען קען נישט נעמען סתם פארמעט און שרייבן דערויף, נאר מען מוז קודם מקדש זיין דעם קלף, און נאכדעם קען מען שרייבן דערויף א ספר תורה. די זעלבע איז א גוף פון א יוד, וואס איז א קלף פארן תורה שבעל פה, דארף מען קודם מקדש זיין דעם גוף, כדי מען זאל קענען נאכדעם ארייננעמען אין זיך די תורה שבעל פה.

**ווי** אזוי איז מען מקדש דעם גוף פון א מענטש, דאס איז דורך די מצוה פון מילה, בריתך שחתמת בבשרנו, ברית קודש. מיט דעם וואס מען מל'ט א קינד, איז מען מקדש דאס קינד, אז דאס קינד זאל קענען זיין א קלף פאר תורה שבעל פה. - זאגט די תורה, 'כי על פי הדברים האלה', וועגן די תורה שבעל פה, אז א יוד איז דער קלף פונעם תורה שבעל פה, 'כרתי אתך ברית', האט דער אייבערשטער כורת געווען א ברית מיט יודען, כדי ער זאל קענען מקדש זיין זיין גוף, ער זאל קענען ווערן א קלף פאר תורה שבעל פה.

**קומט** אויס, אז בשעת מען מל'ט א קינד טוט מען אים צוגרייטען, אז ער זאל קענען זיין שפעטער א ספר תורה פאר תורה שבעל פה. וועגן דעם וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי דער טאטע האט אים מכניס געווען לברית, און דאס איז אזוי ווי מען האט אויסגעארבעט די קלף אז מען זאל קענען אין אים אריינלייגען די תורה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי זאל ער שפעטער קענען אריינגיין אין תורה. אזוי ווי מען ארבעט אויס א קלף, איז די תכלית דערפון נישט אז דער קלף אליין זאל זיין אויסגעארבעט, נאר מען זאל קענען שרייבן אויף דעם קלף א ספר תורה, די זעלבע איז די קדושת הברית וואס דאס איז אין דעם קלף פון תורה שבעל פה, איז דער תכלית אז דאס קינד זאל קענען אריינקומען לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לראות ולבקר בהיכלו של '**בית המדרש תפארת יהושע וויען**' ההולך ונבנה לשם ולתפארת. **רבינו שליט"א** הפליא את מהירות בניית

יסודי הבית והמקוה, והעלה על נס גודל מרצם ואונם של צוות העסקנים, אשר משקיעים מיטב כוחותם לשגשוג ופריחת קהלתנו ומוסדותינו הק' במאנסי. – משם המשיך **רבינו שליט"א** לבנין החדש **'ישיבה קטנה נועם התורה וויען'**, אשר עומד כעת בשלבי עבודת שיפור וגמר הבנין, לפאר ולרומם בית אלקינו.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לציון אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** בבית החיים בניו דזשערסי, לקראת היומא דהילולא שחל ביום שבת קודש ערב שבועות. **רבינו שליט"א** הדליק נרות על הציון, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לטובת הכולל בוויליאמסבורג, שהתקיים בבית הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה ענדיגט זיך, ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל (דברים לד-יב). רש"י טייטשט, אז 'לכל היד החזקה' גייט ארויף, אז משה רבינו האט מקבל געווען די לוחות, און נאכדעם האט ער צובראכען די לוחות 'לעיני כל ישראל', און דער אייבערשטער האט מסכים געווען צו דעם וואס ער האט געטון, יישר כחך ששיברת. די מפרשים שטעלן זיך, אז די תורה וואלט זיך געדארפט ענדיגען מיט א זאך וואס ברענגט ארויס די חשיבות פון תורה, און די מעלה פון תורה, פארוואס האט די תורה געענדיגט מיט היפוך פון כבוד התורה, אז משה רבינו האט צובראכען די לוחות.

**עס** איז דא א ווארט פון **רבי שמעון שקאפ זצ"ל**, אין די הקדמה פון זיין ספר **שערי יושר**, שרייבט ער א טעם אויף שבירת הלוחות. אז לכאורה וואלט משה רבינו געהאט א ברירה אז ער זאל גונז זיין די לוחות ביז יודען וועלן תשובה טון, און נאכדעם וועט ער געבן פאר זיי די לוחות. פארוואס איז ער געגאנגען און ער האט צובראכען די לוחות. זאגט ער, אז די גמרא (עירובין נד.) זאגט, ווען משה רבינו וואלט נישט צובראכען די לוחות הראשונות, לא נשתכחה תורה מישראל, וואלט מען נישט פארגעסן דאס לערנען, און וואס מען וואלט געלערנט וואלט מען געדענקט. ווייל די ערשטע לוחות זענען געווען מעשה אלקים, און די מכתב איז געווען מכתב אלקים, עס איז געווען כולו רוחני, און א זאך פונעם אייבערשטען איז א נצחי, און וואס מען וואלט געלערנט תורה, וואלט מען נישט פארגעסן. אבער אזוי ווי מען האט צובראכען די לוחות הראשונות, און מען האט געגעבן די לוחות שניות, די לוחות שניות איז שוין געווען פסל לך (שמות לד-א), משה רבינו האט געברענגט די לוחות, נאר די מכתב איז געווען א מכתב אלקים, האט עס שוין נישט געהאט די מעלה. און יעצט ווען מען לערנט, פארגעסט מען, און מען דארף חזר'ן דאס לערנען.

**זאגט** ער א דבר נפלא. משה רבינו האט געזען, אז ער ברענגט אראפ די לוחות, און מען וועט קיינמאל נישט פארגעסן וואס מען לערנט, און ער זעהט אז יודען האבן געמאכט די עגל, וועט דאך אויסקומען, אז עס וועט קענען זיין א מציאות, אז א יוד וועט זיין א רשע, און ער וועט קענען כל התורה כולו, ווייל וואס ער האט געלערנט וועט ער נישט פארגעסן. און נאכדעם ווען ער וועט ארויסגיין לתרבות רעה, וועט ער זיין א שיינער יוד, ער קען כל התורה כולו, און ער וועט זיך אויפפירן אז ער קען מאכען א עגל. האט משה רבינו געזאגט, אזא תורה קען איך נישט איבערגעבן. עס קען נישט זיין א תורה, אז מען זאל קענען שטייגען אין תורה, און פון די אנדערע זייט זאל מען זיך נישט פירן ערליך. ער גייט צוברעכן די לוחות, די לוחות שניות וועט שוין נישט זיין אין די מדריגה, די לוחות שניות וועט מען פארגעסן די תורה. און דער וואס וועט האלטן ביים לערנען תורה, דער וועט געדענקען תורה, און דער וואס וועט אוועקגיין פון תורה, וועט ער מיט די צייט פארגעסן וואס ער האט געלערנט, און ער וועט בלייבען ליידיג פון תורה.

**קומט** דאך אויס, אז די שבירת הלוחות פון משה רבינו האט געוויזען, אז תורה האט נאר א חשיבות ווען מען לערנט תורה ערליך, יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), אבער תורה וואס מען קען דינען מיט דעם עבודה זרה אויך, מאכען דעם עגל, און קענען תורה, אזא חשיבות פון תורה איז

נישט דא. וועגן דעם ווען מען ענדיגט די תורה האט די תורה געוואלט ווייזען, וואס איז דער תכלית, וואס איז די לעצטע פונקט פון די תורה, אז דו זאלסט גדענקען אז משה רבינו האט צובראכען די לוחות, ווייל ער האט נישט געוואלט אז עס זאל קענען זיין א תלמיד חכם, וואס זאל אויך קענען זיין א עובד עבודה זרה. אז דו ווערסט א עובד עבודה זרה וועסטו פארגעסן דאס לערנען. דאס איז די נקודה וואס די תורה ברענגט ארויס אין סוף פון די תורה.

**ער** גיט אבער צו נאכדעם זייער שיין. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, פסל לך שני לוחות אבנים, זאגט די גמרא (נדרים לח.), פסל לך, הפסולת וועט זיין שלך, מכאן נתעשר משה רבינו, משה רבינו איז נתעשר געווארן פון די לוחות שניות. וואס איז געווען ביז די לוחות שניות, פארוואס האט משה רבינו נישט גדארפט קיין עשירות ביז די לוחות שניות, פארוואס נאר יעצט איז געווארן פסל לך?

**זאגט** ער, אז דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען פאר משה רבינו. לוחות הראשונות האט מען דאך נישט פארגעסן דאס לערנען, קומט אויס, אז מען וואלט נישט גדארפט האבן קיין מחזיקי תורה, ווייל יעדער איינער וואס האט געלערנט, וואלט ער אין א פאר יאר אפגעלערנט כל התורה כולו, און נאכדעם קען ער ארויסגיין ארבעטן. ער קען עוסק זיין אין עניני עולם הזה, און ער קען כל התורה כולו אויך. וואלט ער יעדן טאג קובע געווען א שעה צו לערנען, און די איבריגע שעות וואלט ער געארבעט, און ער וואלט געקענט די גאנצע תורה. אבער אזוי ווי משה רבינו האט צובראכען די לוחות הראשונות, און מען פארגעסט דאס לערנען, און אז מען וויל זיין א תלמיד חכם, דארף מען זיצען א גאנצן טאג און לערנען, קומט דאך אויס, אז עס וועט נישט זיין קיין פרנסה. האט דער אייבערשטער געזאגט ביי די לוחות שניות, פסל לך, אז עס זאל זיין עשירות אויך. אפילו עס איז נישט דא קיין לוחות הראשונות, עס איז לוחות שניות, און מען גייט פארגעסן דאס לערנען, און מען וועט מוזען זיצען א גאנצע טאג און לערנען, פון דעסטוועגן דאך וועט דער אייבערשטער מזמין זיין אז עס וועט זיין עשירות, כדי מען זאל קענען עוסק זיין בתורה.

**איך** האב געזען שטיין אין **יערות דבש** (ח"א דרוש ב'), אז ער שטעלט זיך, אז די גמרא (נדרים לח.) זאגט, אז דער אייבערשטער איז נישט משרה שכינתו נאר אויף איינעם וואס האט פארשידענע מעלות, און איינס פון די מעלות איז, אז ער מוז זיין א עושר. ווי אזוי האט דער אייבערשטער משרה געווען שכינתו אויף משה רבינו פאר ער האט געהאט דעם פסל לך, פאר ער איז געווען א עושר. מען געפונט אז דער אייבערשטער האט זיך שוין מגלה געווען צו משה רבינו ביים סנה. און אויב משה רבינו איז שוין דעמאלטס געווען א עושר, דארף ער דאך נישט האבן קיין פסל לך, אז ער זאל האבן עשירות פון די לוחות, ער איז דאך געווען א עושר פאר דעם. איז דאך משמע אז ער איז נישט געווען א עושר פון פריער, ווי אזוי האט חל געווען אויף אים דעמאלטס נבואה, פאר ער האט געהאט די מעלה פון עשירות.

**זאגט** דער **יערות דבש**, אז עס האט חל געווען אויף משה רבינו א נבואה, איז ער געווען א עושר פון פארדעם אויך. איי פארוואס האט ער גדארפט האבן דעם פסל לך צו זיין עשירות. זאגט ער, ווייל ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אין הימל, ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו (שמות כה-ב), אז מען זאל געבן געלט פאר נדבת המשכן, און עס איז נישט דא א גרעסערער נדיב לב פון משה רבינו, האט משה רבינו געוומען זיין גאנצע פארמעגן און ער האט עס אוועקגעגעבן אז עס זאל זיין פאר נדבות המשכן, און ער איז געבליבען א עני. האט אים דער אייבערשטער געמוזט יעצט צוריק געבן פסל לך, אז ער זאל ווייטער האבן עשירות. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען אז מען דערלייגט נישט. משה רבינו האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע פארמעגן פאר בויען א משכן פארן אייבערשטען, פסל לך, מען וועט עס דיר צוריקבאצאלן. פון די פסולת פון די לוחות איז משה רבינו נתעשר געווארן, און ער האט געהאט מער פון וואס ער האט געהאט פארדעם. די זכות וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר די וואס

טוען מחזיק זיין תורה, איז אויסער דעם וואס זיי האבן א חלק אין די תורה אליין, באצאלט זיי דער אייבערשטער, עשר בשביל שתתעשר (תענית ט.), אז עס פעלט נישט נאכדעם פון דעם וואס מען האט אוועקגעגעבן פאר תורה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן פאר רבי שמחה זאל זיין געזונט, וואס האט געמאכט זיין שטוב פאר א בית וועד לחכמים פאר תורה, און פאר די אלע וואס זענען זיך משתתף פאר החזקת התורה, אז עס זאל זיין מלא ברכות ה', און יעדער זאל קענען ארויסגיין מיטן פסל לך, הפסולת שלך, מען זאל קענען מקבל זיין די תורה, און די פסולת פון די תורה, עס זאל זיין עשירות. - עס איז היינט געווען ערב ראש חודש סיון, און מען האט מתפלל געווען אויף גוטע קינדער, זאל דער אייבערשטער געבן, אז אלע זאלן געבענטשט ווערן מיט קינדער בני תורה וואס פירן זיך ערליך, מיט אסאך שמחות און נחת. און מיר זאלן זוכה זיין צו קבלת התורה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"ג רבי **יואל יעקב מייזליש** שליט"א (**בן הגה"צ אב"ד שאפראן שליט"א**), שישב שבעה על פטירת בנו הילד **שמעון ישראל מייזליש** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**הרב יואל יעקב:** דאס קינד האט געהייסען שמעון ישראל, נאכן **שאפראנער רב זצ"ל**.

**רבינו:** ביי מיין ברית אינדערהיים אין די שטאט סאמבאטהעלי, האט דער **שאפראנער רב** מיר א נאמען געגעבן.

**א' מהמנחמים:** וואו איז ער געווען דעמאלטס, אין פאפא אדער אין פעסט.

**רבינו:** מן הסתם אין פאפא. עס איז נישט ווייט. אין פאפא איז ער געווען פאר ער איז געווען אין פעסט, אדער נאכדעם?

**הרב יואל יעקב:** נאכדעם. סוף קריג איז ער געווען אין פעסט, און פון דארט איז ער געגאנגען קיין פאפא.

**רבינו:** וועלכע יאר איז ער אנגעקומען אהער קיין אמעריקא?

**הרב יואל יעקב:** אלול תש"ט.

**רבינו:** איך בין געבוירן כ"ח אדר תש"ח, איז ער מסתמא געווען דעמאלטס אין פאפא.

**הרב יואל יעקב:** ביי מיין ברית איז דער טאטע געווען מוהל. מיין טאטע פלעגט צו נוצן דעם **סאמבאטהעלער רב** אלץ מוהל ביי זיינע קינדער.

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"צ רבי **יחזקאל שרגא ראזענבוים** שליט"א אב"ד קרעטשניף סיגעט ווילאמסבורג, שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה (**בת הגה"צ רבי מאיר שנעבאלג שליט"א אב"ד האניפולי**).

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** אייער פאטער [רבי חיים שנעבאלג ז"ל] פלעג צו דאווענען ביי מיין טאטען אין בית המדרש. ער איז געווען א גרויסער ידען, ער האט זיך איבערראל געדרייט, און ער האט געוויסט אויף וואס אויפצופאסן.

**אב"ד האניפולי:** ער האט געוויסט וואס צו רעדן, ער האט גערעדט צו יעדן זיין שפראך.

**רבינו:** כל אחד ואחד נדמה לו כאומתו (מגילה יג.).

איך געדענק אז ווען דער **סאטמארער רב זצ"ל** האט זיך אוועקגעצויגען פונעם אלטן בית המדרש אויף בעדפארד קיין ראדני, איז געגאנגען רבי חיים, און אויף דעם פלאץ וואו דער **סאטמארער רב** איז געשטאנען ביים דאווענען, האט ער אויסגעשניטן די האלץ, און ער האט עס אהיימגענומען.

**אב"ד האניפולי:** איך האב געהערט פון אים יארן שפעטער, אז ער האט גזאגט, ווער עס האט געהאט שכל האט ארויסגענומען די האלץ פון די פלאץ וואו דער **סאטמארער רב** איז געשטאנען.

**רבינו:** ביים **בעלזער רב** פלעגט מען מוצאי יום הקדוש נעמען פון די שטרוי אויף וואס ער איז געשטאנען יום הק'.

**אב"ד האניפולי:** מיין טאטע האט געכאפט, און ער האט עס אוועקגעלייגט.

**רבינו:** דער **בעלזער רב** פלעגט צו זאגן, אז מען זאל נישט נעמען פון די שטרוי ביז ער נעמט נישט קודם. דער **בעלזער רב** האט אליין גענומען פון די שטרוי און ער האט עס אהיימגעטראגען. אזוי ווי שיריים.

**אב"ד האניפולי:** עס איז געווען דארט עד כדי סכנת נפשות.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל המסיבה לטובת הכולל שערי לימוד שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום שלישי פרשת במדבר***

בשעות לפני הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת לאנדא ע"ה (אלמנת הר"ר **אלימלך לאנדא** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב קליין** הי"ו (בן הר"ר **אהרן קליין** הי"ו), שהתקיים באולם קראסנא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** גמרא (שבת פז.) זאגט, אז בשעת דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר יודען, האט ער געשיקט משה רבינו אז ער זאל צוגרייטען יודען צו מתן תורה, וקדשתם היום ומחר (שמות יט-י), אז מען זאל זיך מקדש זיין צוויי טאג פאר מתן תורה, מען זאל קענען מאכען א הכנה צו קבלת התורה. און הוסיף משה יום אחד מדעתו, משה רבינו האט צוגעגעבן נאך א טאג, והיו נכונים לשלשת ימים (שם יט-טו), ער האט מוסיף געווען פרישה, אז עס זאל זיין אנשטאט צוויי טאג אויך א דריטן טאג. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער ענין אז דער אייבערשטער האט נישט מצווה געווען אויף דריי טעג, און משה רבינו האט צוגעגעבן יום אחד.

**בפשטות** איז דער ביאור דערין, די תורה הק' זאגט (ויקרא יט-ב) קדושים תהיו, כי קדוש אני ה' אלקיכם. און דער **רמב"ן** איז מסביר, אז די מצוה פון קדושים תהיו איז נישט אז מען זאל מקיים זיין די מצות התורה. די מצות התורה איז שוין געגעבן געווארן פאר יעדע ציווי א לא תעשה אדער א עשה פאר זיך אליין, און מען דארף נישט האבן אן עקסטערע ציווי פון קדושים תהיו. די ציווי פון קדושים תהיו איז טייטש, קדש עצמך במותר לך, א יוד דארף זיך מקדש זיין אפילו פון וואס די תורה האט אים נישט גע'אסרט, די תורה האט אים מתיר געווען, דארף ער עס טון איידל, און מיט א וועג פון קדושה.

**און** דער **רמב"ן** איז מסביר, די תורה האט גע'אסר'ט אז מען טאר נישט עסן קיין מאכלות אסורות, און די תורה האט מתיר געווען אנדערע מאכלים וואס מען מעג יא עסן, אבער ווי אזוי מען זאל עסן, אויף דעם קומט די מצוה פון קדושים תהיו. מען קען עסן ערליך, מען קען עסן איידל, און מען קען עסן אזוי ווי א רעבתן, איז די מצוה פון קדושים תהיו, אז אפילו וואס די תורה האט דיר יא מתיר געווען, זאלסטו זיך פירן בקדושה. - די תורה האט גע'אסר'ט דיבורים וואס מען טאר נישט רעדן, לשון הרע, שקר, אונאה, און אנדערע דיבורים מעג מען יא רעדן, אבער אין רעדן אליין איז דא צוויי וועגן ווי אזוי מען רעדט. מען קען רעדן איידל, און מען קען רעדן אומאיידל. און די מצוה פון קדושים תהיו איז, אז א יעדע זאך וואס די תורה האט מתיר געווען, דארף זיך א יוד מקדש זיין, און עס טון אויף א איידעלע וועג.

**און** אויף דעם גיט דער אייבערשטער שכר אויך אויף די וועלט. אזוי שטייט אין הייליגע ספרים, אז אפילו שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (ע"ז ג.), אבער אויף דעם וואס א מענטש איז מוסיף, ער טוט מער פון וויפיל דער חיוב איז, אויף דעם באצאלט דער אייבערשטער שכר בהאי עלמא. די גמרא (בבא קמא ט.) זאגט, אז הידור מצוה איז נאר ביז א שליש. און די גמרא זאגט, אז ווער עס איז מוסיף אויף מער פונעם חיוב פון א שליש, אויף דעם באצאלט דער אייבערשטער בחייו. ביז א שליש איז דער שכר נאר לעולם הבא, אבער מכאן ואילך, מער פון א שליש, משל הקב"ה, באצאלט דער אייבערשטער אויף די וועלט אויך. זעהט מען אז וואס א מענטש טוט מער פון וואס ער איז מחויב, אויף דעם איז דא שכר בהאי עלמא.

**ביי** קבלת התורה האט אונז משה רבינו געוואלט לערנען די מצוה, אז אפילו ווען דער אייבערשטער איז נאר מצווה די מצוה פון פרישה אויף צוויי טעג, זאגט משה רבינו, דו ביזט טאקע נישט מצווה נאר אויף צוויי טעג, אבער קדש עצמך במותר לך, א יוד

דארף זיך מקדש זיין אפילו אין א זאך וואס מען מעג. האט משה רבינו צוגעגעבן נאך א טאג צו קבלת התורה, וואס איז נישט אלץ א חיוב וואס די תורה האט מחייב געווען. עס איז דא א ציווי וויפיל קדושה און פרישה א מענטש דארף האבן צו מתן תורה, אבער אויסער די קדושה ופרישה וואס די תורה האט מצווה געווען, האט משה רבינו צוגעלייגט, אז נאך איין טאג זאל מען זיך אויך מקדש זיין.

**און** דער אייבערשטער האט מסכים געווען לדעתו, מתן תורה האט זיך אפגערוקט מיט א טאג שפעטער. ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן, אז מען זאל וויסען אז ביי אלע מצות התורה דארף אזוי צו זיין. פונקט ווי משה רבינו האט דא צוגעגעבן איין טאג, צו ווייזען אז מען דארף האבן פרישות אפילו אין א זאך וואס מען האט נישט מצווה געווען, אזוי דארף זיין כל התורה כולו, קדושים תהיו, יודען זענען א עם קדוש לה' אלקיך, א הייליג פאלק פארן אייבערשטענ'ס וועגן, און יעדע זאך וואס א יוד טוט, דארף ער עס טון אויף א וועג פון קדושה.

**דער** חשובער בר מצוה בחור גייט אריין לעול התורה והמצות, אין די טעג וואס מען טרעט אריין אין קבלת התורה, ביום הזה באו מדבר סיני (שמות יט-א), און ער איז מקבל אויף זיך עול תורה, דארף ער געדענקען אז מען דארף טון נישט נאר וואס מען איז מחוייב צו טון, נאר אין יעדע זאך דארף מען זיך פירן איידל מיט קדושה און פרישה, און מוסיף זיין אויף וויפיל די תורה האט מצווה געווען. און אויף דעם באצאלט דער אייבערשטער שכר אויך אויף די וועלט, והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה וגו', ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד (דברים ז-יב). 'עקב' איז די ראשי תיבות ק'דש ע'צמך ב'מותר, אויף דעם קדש עצמך במותר לך, באצאלט דער באשעפער שכר אויך אויף די וועלט.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן ש"ב הרב **הערש לייב פאללאק** שליט"א (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בת הרב **שמואל טייטלבוים** שליט"א, שהתקיים באולם די מארקיז.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל המסיבה לטובת כולל יאקע שהתקיים בבית הר"ר **יקותיאל יוסף יאנקאוויטש** הי"ו.

*

***יום רביעי פרשת במדבר***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יעקב קליין** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **זלמן לייב ראזענטאהל** הי"ו, שהתקיים בבית חמיו הר"ר **נפתלי גרינפעלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת רייז ע"ה (אלמנת הר"ר **אשר צבי רייז** ע"ה).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף אצל הדינער לטובת המוסדות בבארא פארק שהתקיים באולם עטרת חי', ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן דעם טייערן ציבור וואס איז זיך צוזאמגעקומען צו די החזקה פון די מוסדות דא אין בארא פארק. הן די תלמוד תורה, הן די מיידל שולע,ביידע מוסדות האבן אין זיך א געוואלדיגע חשיבות, סיי די תלמוד תורה ווי מען טוט ערציען תינוקת של בית רבן, וואס זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען. און סיי די מיידעל שולע וואס טוט אויפשטעלן ערליכע יודישע מאמעס, וואס זאלן קענען ערציען זייערע דורות שפעטער. איז א געוואלדיגער זכות פאר יעדן איינעם וואס נעמט אטייל ארויסצוהעלפן אז די מוסדות זאלן קענען ווייטער וואקסען און בליען.

**מען** שטייט פאר מתן תורה, מען געפונט אין פרשת וזאת הברכה, אין די לעצטע ווערטער וואס משה רבינו האט גערעדט פאר יודען, האט ער געזאגט, אף חובב עמים, כל קדושיו בידך, והם תכו לרגליך, ישא מדברותיך (דברים לג-ג). רש"י טייטשט,

'אף חובב עמים', דער אייבערשטער האט ליב יודען, וואס יודען ווערן אנגערופן עמים. כאטש עס איז נאר איין עם, ווערן זיי אנגערופן עמים, ווייל יעדער שבט ביי יודען ווערט אנגערופן א עם. 'אף חובב עמים', דער אייבערשטער האט ליב כלל ישראל. 'כל קדושיו בידך', אלע קדושים זענען אין די הענט פונעם אייבערשטען. 'והם תכו לרגליך', ביי מתן תורה האבן יודען זיך צוגעשטעלט צו די רגלי ההר, וואו דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די תורה. 'ישא', זיי האבן גענומען אויף זיך, 'מדברותיך', די ווערטער פון די תורה. ווען די תורה וויל רימען יודען, פארוואס האט ער ארויסגעברענגט די ווערטער 'אף חובב עמים', אז דער אייבערשטער האט ליב די פעלקער, און יודען ווערן אנגערופן פעלקער, ווייל יעדער שבט איז א עקסטערע עם. ער קען דאך עס זאגן אין גראדע ווערטער, אף חובב ישראל, דער אייבערשטער האט ליב יודען, איז אויך נכלל אין דעם גאנץ כלל ישראל. פארוואס דארף ער זיי אנרופן עמים, אז יודען זענען צוועלף שבטים, און יעדער שבט איז א פאלק פאר זיך אליין.

**עס** קען אפשר זיין, די גמרא (תענית ד.) זאגט, אז כנסת ישראל האט געבעטן פונעם אייבערשטען א דבר שאינו הגון, א בקשה וואס איז נישט פאסיג, און דער אייבערשטער האט זיי געענטפערט כהוגן, דער באשעפער האט זיי גע'ענטפערט אנדערש ווי זיי האבן פארלאנגט, דער באשעפער האט זיי גע'ענטפערט ווי עס פאסט זיך צו ענטפערן. יודען האבען געבעטן פונעם אייבערשטען, שימני כחותם על לבך, כחותם על זרועך (שיר ח-ו), רבונו של עולם לייג אונז אז מיר זאלן זיין אזוי ווי א חותם, אזוי ווי א זיגל, וואס דו טראגסט אויף דיין הארץ, און דו טראגסט אויף דיין ארעם. און דער אייבערשטער האט גע'ענטפערט, עטץ בעטס א בקשה וואס איז אינו הגון, ווייל דער לב איז אמאל נראה, און אמאל איז עס אינה נראה. ווען מען איז אנגעטון מיט א בגד באמערקט מען עס נישט, און ווען מען איז אויסגעטון דעמאלטס זעהט מען דעם לב. דער זרוע איז אמאל פארדעקט, און אמאל איז עס אפען. 'הן על כפים חקותיך' (ישעיה מט-טז), איך וועל ענק ארויפלייגען אויף מיין האנט. כפים דאס איז די פלאכע חלק פון די האנט, דארט ווי די פינגערס זענען, דאס ווערט אנגערופן כפים, און דאס איז אייביג נראה, אייביג וועל איך זעהן כלל ישראל פאר מיינע אויגן. דער **יערות דבש** (ח"ב דרוש ח') איז מאריך אין א ביאור, וואס עס איז טייטש ביים אייבערשטען א דבר שאינה נראה און א דבר הנראה. אז ביים אייבערשטען אויפן הארץ וועט מען נישט אייביג באמערקן, און אויף די הענט וועט מען יא באמערקן, און ער זאגט א ביאור דערין לפי דרכו.

**עס** קען אפשר זיין לענינינו, כלל ישראל איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי חלקים, עס איז דא וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן זייער חלק אז זיי זיצען באהלה של תורה, און זיי קענען אויסנוצן זייער גאנצע לעבן צו דינען דעם אייבערשטען, צו לערנען און דאווענען. זיי האבן א זכות וואס לאו כל אדם זוכה, הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי, ולא עלתה בידם (ברכות לה:). נאכדעם איז דא א צווייטער חלק, וואס דאס איז רוב פונעם כלל ישראל, וואס דער אייבערשטער האט זיי אזוי אויסגעשטעלט זייער לעבן, אז זיי זענען אין עולם המסחר, זיי זיצען נישט אין בית המדרש און לערנען, אבער דער אייבערשטער האט זיי געגעבן פארמעגן, אז זיי קענען מחזיק זיין תורה, און זיי העלפן צו פאר די תלמידי חכמים אז זיי זאלן קענען זיצען און לערנען, זיי העלפן צו פאר די תלמוד תורה אז זיי זאלן קענען ערציען די תלמידים, זיי העלפן צו פאר ישיבות און כוללים און אזוי ווייטער, וואס מען בויט אויף תורה.

**און** עס איז חלק כחלק יאכלו (דברים יח-ח), די אלע וואס טוען צוהעלפען, האבן די זעלבע זכות פון די וואס זיצן און לערנען, כאילו זיי זענען אויך עוסק אין תורה. ביי די שבטים איז עס געווען איינגעטיילט יששכר און זבולון. יששכר האט עוסק געווען בתורה, און זבולון איז ארויסגעגאנגען אין מסחר, זבולון לחוף ימים ישכון (בראשית מט-יג). און שמח זבולון בצאתך, זבולון קען זיך אויך פרייען ווען ער גייט ארויס אויף די גאס, ויששכר באהליך (דברים לג-יח) ווען ער גיט פאר דעם יששכר וואס ער דארף צו האבן. דער אייבערשטער האט אזוי אויסגעשטעלט כלל ישראל, אז יעדער האט זיין תפקיד אויף די וועלט.

פון יעדן קען ארויסקומען א כבוד שמים, ער דארף נאר וויסען ווי אזוי עס צו נוצן. דער תלמיד חכם דארף מקדיש זיין, זיין לעבן פאר תורה, און דעם וואס דער אייבערשטער האט אים נישט געגעבן דעם זכות אז ער זאל קענען אליין זיצען און לערנען, גיט אים דער אייבערשטער פארמעגן, אז ער זאל קענען האבן א חלק אין די תורה וואס יודישע קינדער לערנען. דער אייבערשטער האט אים געגעבן פארמעגן, אז ער זאל קענען מיט דעם שטיצן תורה. אוןביידע האבן זייער שכר, דער אויף דעם וואס ער האט געלערנט, און דער אויף דעם וואס ער האט צוגעהאלפן צו תורה.

**יודען** האבן פאשטאנען אז די חשיבות פון א יוד ביים אייבערשטען איז דעמאלטס, ווען א יוד איז עוסק אין תורה און אין עבודת ה', וואס דאס איז זאכן וואס איז תלוי אינעם הארץ, ולעבדו בכל לבבכם ובכל נפשכם (דברים יא-יג), דאס האט א חשיבות ביים רבונו של עולם. האבן זיי געבעטן, 'שימני', דער אייבערשטער זאל זיי לייגען, 'כחותם', אזוי ווי א חותם, 'על לבך', ווען מיר טוען אונזער עבודה מיט אונזער הארץ, דעמאלטס זאלן מיר קענען זוכה זיין, אז דער אייבערשטער זאל אונז לייגען אזוי ווי א חותם. 'כחותם על זרועך', דער אייבערשטער זאל אונז לייגען אזוי ווי א חותם אויף אונזער האנט, וואס דאס איז עבודת ה', דארט טוט מען אן די תפילין של יד, לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו. ווען אונז וועל מיר טון פארן אייבערשטען א רוחניות'דיגע עבודה, דעמאלטס זאל אונז דער אייבערשטער לייגען אזוי ווי א חותם.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, די בקשה וואס עטץ בעטס, איז נישט אייביג דא. נישט אייביג איז א מענטש אין די מדריגה, אז ער זאל קענען זיצען באהלה של תורה. איך וועל ענק געבן אזא זאך, וואס יעדער וועט קענען האבן א נוצען דערפון. 'הן על כפים חקותיך', איך וועל דיך אויסקריצן אויף די הענט. אפילו ווען דיין עבודה איז נישט אז דו זאלסט זיצען באהלה של תורה, קענסטו אבער צוקומען צו דינען דעם אייבערשטען און משלים זיין דיין לעבן אויף די וועלט דורך די כפים. איך וועל דיר אויסקריצן אויף די הענט, אז דו וועסט נוצן דיין הענט, פתוח תפתח את ידך (דברים טו-ח), דו וועסט עפענען דיין האנט צו געבן ווי מען דארף צו געבן, וועט דער אייבערשטער דיך אויסקריצן אויף זיין האנט.

**ווען** משה רבינו האט געמאכט די לוחות, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, פסל לך (שמות לד-א), און די גמרא (נדרים לח.) דרשנ'ט, הפסולת יהיה שלך. משה רבינו האט גענומען אבן של סנפרינון, טייערע דימאנט שטיינער, און פון דעם האט ער אויסגעשניטן די לוחות, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז וואס עס איז איבערגעבליבען פון די פסולת, געב איך פאר דיר, און פון דעם איז משה רבינו נתעשר געווארן. אין יעדע זאך ליגט א רמז, וואס האט דער אייבערשטער געוואלט וויזען מיט דעם, אז משה רבינו איז נתעשר געווארן פון די פסולת פון די לוחות.

**יודען** האבען מקבל געווען די תורה, די שני לחות הברית, און אין די תורה הק' ליגט אלע ברכות וואס איז דא אין די וועלט. וואס א יוד דארף צו האבן, אלעס קומט אראפ דורך די תורה. נישט נאר פאר כלל ישראל, נאר אויך פאר די גאנצע וועלט. די מדרש (ב"ר סו-ב) זאגט, אז וואס די אומות העולם זענען נהנה אויף די וועלט, איז אלעס אין זכות וואס יודען האבן מקבל געווען די תורה. ווען מיר האבן באקומען די לוחות, איז מיטגעקומען מיט דעם א אוצר פון ברכות. די ברכות פון די תורה זענען זייער חשובע ברכות, אורך ימים בימינה, ובשמאלה עושר וכבוד (משלי ג-טז), עס איז נותנת חיים לעושיה בעולם הזה ובעולם הבא (אבות ו-ו). דאס לעבן אויף די וועלט איז א קליינינקייט, א קורצע צייט, אבער מען איז זוכה צו א לעבן פון עולם הבא, וואס יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה (אבות ד-טז). און דאס איז א נצחי, חיי עולם הבא האט נישט קיין ענדע. און צו דעם אלעם קען מען זוכה זיין דורך תורה.

**און** נישט נאר מען איז זוכה צו אזעלכע הויכע ברכות, נאר מען איז אויך זוכה צו גשמיות פון די וועלט. אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, גשמיות אויף די וועלט איז די קלענסטע ברכה וואס תורה ברענגט, ווייל ווילאנג איז א מענטש

נהנה פון די געלט וואס ער האט, נאר די פאר יאר וואס מען לעבט, נאכדעם לאזט ער דאך אלעס איבער, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות (אבות ו-י). ווען מען רעדט אז מען קען זוכה זיין צו חיי עולם הבא, זוכה זיין צו א קורת רוח וואס איז א נצחי, איז געלט די קלענסטע ברכה וואס די תורה גיט.

**ווען** משה רבינו האט באקומען די לוחות, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דו ווייסט וואס פאר א לוחות איך געב דיר, 'פסל לך', דיין עשירות, איז די פסולות פון די לוחות. די קלענסטע ברכה וואס דו האסט פון תורה, די פסולות וואס דו האסט פון די לוחות, איז דער עשירות. די עשירות איז נישט דיין גרעסטע גליק, אז דו ביסט געווארן א עושר, די ברכות וואס תורה וועט דיר געבן, איז אסאך און אסאך מער.

**ווען** משה רבינו האט געגעבן די ברכה פארן גאנצן כלל ישראל, האט ער געזאגט פאר יודען, עטץ וועטס מיינען אז דער אייבערשטער האט נאר ליב שבט יששכר וואס זיצט און לערנט תורה, 'אף חובב עמים', דער אייבערשטער האט ליב אלע שבטים, יעדע שבט איז ביי אים א עם פאר זיך. ער האט א עם פון א יששכר, און ער האט א עם פון א זבולון. און דער אייבערשטער איז חובב עמים, ער האט ליבביידע. וואס איז דער חביבות וואס איז דא אין דעם זבולון, 'כל קדושיו בידך', ער קען זוכה זיין צו די אלע קדושות וואס דער יששכר האט, דורך זיינע האנט. 'והם תכו', זיי האבן זיך צוגעטשעפעט צום אייבערשטען, 'לרגליך', דורך זייער געלט, אזוי ווי די גמרא (סנהדרין קי.) זאגט, ממונו של אדם שמעמידו על רגליו. מיט זייער געלט וואס דער אייבערשטער גיט זיי, דינען זיי דעם אייבערשטען. 'ישא מדברותיך', טראגען זיי אויך די ווערטער פון די תורה. די וואס טוען צו העלפען און מחזיק זיין תורה, האבען די זעלבע זכות פון די וואס זענען לומדי תורה.

**עס** קומען זיך צוזאמען א ציבור יודען, וואס מען האט פריער געהערט וואס פאר א סומע די יודען האבען געגעבן די לעצטע פאר יאר. 'זיבען מיליאן דאלער' איז אדורך נאר אויפן בויען אליין. און דאס איז נישט געקומען פון גרענט"ס, עס איז נישט געקומען פון איינצעלנע נדיבים, נאר עס איז געקומען פון די אלע יודען וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער פארמעגן אז מען זאל קענען בויען תורה, איז אוודאי אז דער זכות פון תורה וועט מגין זיין. - מען שטייט שוין אין די שלשת ימי הגבלה בעפאר מען גייט אריין צו קבלת התורה, איז אודאי אז ווען מיר וועלן מקבל זיין די תורה, די לוחות הברית, וועלן מיר אויך מיטנעמען מיט זיך די אלע ברכות וואס די לוחות הברית ברענגט מיט זיך. אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, אז דער עושר וכבוד זאל זיין ביי אונז דער שמאל, די פסלתן של לוחות, עס זאל זיין דער קליינער חלק פון די ברכות וואס מיר וועלן באקומען, מיר זאלן זוכה זיין צו אסאך און אסאך העכערע ברכות וואס ליגען אין תורה. מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ז' של התלמוד תורה בוויליאמסבורג (כיתה של הרב **הערשל ווייס** שליט"א) להבחן על פרק ג' ממסכת בבא מציעא.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת פרשת במדבר***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם טענענבוים** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת במדבר***

ביום שבת קודש התקיים הבאווארפן של החתן **יונה זינגער** ני"ו, בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו. - **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת המוספין, לרגל יומא דהילולא של אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל ביום השבת. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד ההילולא ולכבוד השמחה.

בסעודת יום שבת קודש חילק **רבינו שליט"א** הסעודה לשנים, והתפלל מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר תפלת מנחה נטל ידיו שנית לסעודה שלישית.

לפני כניסת החג דרש **רבינו שליט"א** בדברי הכנה לקבלת התורה, אשר גם מי שחסר לו ההכנה הראויה בתיקון מדותיו בימי הספירה, יכול לפום דרגא דיליה לזכות ולהתעלות בחג מתן תורתנו, ולקשר נפשו להיות נמנה בין ישראל עם קרובו, לקבל חלקו בתורת ה'.

**רבינו שליט"א** המשיך לבאר מקראי קודש בשיר השירים, בגודל געגועי אהבה של כנסת ישראל עם דודה בעת מתן תורה, ישקני מנשיקות פיהו כי טובים דודיך מיין (שיר א-ב), ומחלים אנו בהשתוקקות וגעגועים שיופיע עוד עלינו לעורר אהבת דודים הישנה. ובליל החג אין נותנים שינה לעינינו, כי מעולם לא ראינו שהחתן או הכלה ירדמו באמצע חתונתם, הגם שכבר הוא בשעות המאוחרות בלילה, וכל זאת מרוב שמחתם וחדות נפשם. כן הוא ביום חתונתינו זו מתן תורה, פיקודי ה' ישרים משמחי לב, צריכן להרגיש שמחה גדולה ועצומה אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון, עד שאי אפשר לירדם מגודל השמחה.

* * *

***יום ראשון פרשת נשא – א' דשבועות***

לפני קריאת התורה נאמרה פיוט האקדמות על ידי **רבינו שליט"א** בקול רגש ומעורר הלבבות. – אחר התפלה ערך **רבינו שליט"א** הקרעפיל טיש לכבוד החג. אחר טעימה ממאכלי חלב וניגוני שמחה, פתח **רבינו שליט"א** בדברי דרוש ואגדה בעניני מתן תורה, והאריך בדברים נפלאים המשמחים את הלב בכמה אנפין לבאר דברי חז"ל (שבת פו.) מכאן מודעה רבא לאורייתא.

*

***יום שני פרשת נשא – ב' דשבועות***

בסעודת נעילת החג אחר זמן ממושך של זמירת ניגוני התעוררות, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בפסוקי מגילת רות, אשר מהשתלשלות הדברים נראים, כי הגם שערפה גם כן הכירה מעלתן של ישראל ורצתה להתגייר, ומוכנת לאכול כשר וליזהר בשמירת שבת ולהתענות ביום הכיפורים וכדומה, אבל בהיות שאז עדיין לא נתחדשה ההלכה עמוני ולא עמונית, ואינה ראויה לבא בקהל ה', לא היתה מוכנת להקריב עצמה לשבת בדד מבלי שידוך הוגנת, וליהדותה היתה מחיר עד כמה מוותרת עבור כך. לא כן רות המואביה היא מצדה מוכנת לוותר על הכל, ובלבד שתזכה להיות נמנה בכלל ישראל, ולכן זכתה שממנה יצאה מלכות בית דוד עד מלך המשיח. וזהו מוסר השכל לנו לקבל עול מלכות שמים עבור כל מחיר, ולא ליתן שיעורים לדבר, לומר דבר זה קשה עלי לעשות. והקב"ה עקר הר המוריה והניחה על גבי הר סיני (ילקוט ראובני יתרו אות נ'), לרמז ולהראות שצריך האדם להיות מוכן לפשוט צווארו במסירות נפש עבור ציווי יתברך שמו.

**רבינו שליט"א** המשיך דבריו ברמז הדברים שעקר הקב"ה הר המוריה והביאה לסיני, כי יצחק פשט צווארו לשמוע דברי חכמים, הגם שלא שמע ציווי מפי הקב"ה בעצמו, חביבין היו עליו דברי אביו נביא ה' עד כדי מסירת נפש. וכמו כן במתן תורה הראה ה' שביטל דעתו לדעת משה וחכמי הדורות, ולא ירדה שכינה על הר סיני עד יום השלישי שהוסיף משה מדעתו. וזהו מוסר השכל לקבל הוראת חכמי ישראל בביטול גמור, ולדוגמא מה שהורו בכלי הטעכנאלאגיע שאסור להשתמש בה בלי פילטער מעולה, אין לנו להתחכם על דבריהם, ובזה יהיה קיום התורה לנו ולדורותינו עד עולם.

עם סיום דברות הקודש עמד **רבינו שליט"א** לרקוד בניגוני שמחת התורה, וניגון לשנה הבאה בירושלים.

*

***יום שלישי פרשת נשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **זאב גוטמאן** הי"ו (בן הר"ר יהושע גוטמאן הי"ו).

*

***יום רביעי פרשת נשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **יונה** נ"ו בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם חיים שפיטצער** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרב **ישראל אהרן** כ"ץ שליט"א (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א) שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת נשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן בן הר"ר **עזריאל יצחק הערמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מאיר יעקב טייטלבוים** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן בן הר"ר **אברהם מענצער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם צבי אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **יעקב אלימלך גרין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה אליעזר געלבמאן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הרב **שמחה קארניאל** שליט"א שהתקיים באולם ליפשיץ.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של ש"ב בן **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי משה שמואל ראטטענבערג שליט"א** אב"ד קאזעווע שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחתנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת נשא***

על שבת קודש הגיע **רבינו שליט"א** לשבות בקרב קהל עדתנו ואנשי שלומינו בעיר בארא פארק. - תפלת מנחה וקבלת שבת התקיים בבית מדרשינו ברכת אברהם, והתפילות ביום שבת קודש התקיים בבית מדרשינו זכרון יהודא.

תפלת מנחה התפללו בבית מדרשינו הגדול. אחר מנחה דרש **רבינו שליט"א** דרשת פרקי אבות במקהלות עם רב שגדשו את היכל הבית המדרש וחדריו הסמוכים.

**רבינו שליט"א** פתח את אמריו במאמר המשנה (אבות א-א) משה קיבל תורה מסיני, והאריך בדברי דרוש נפלאים בגודל קדושת הלוחות שנשא את נושאיו בעת הורדתם מן השמים לתת אותה לבני ישראל, ובאופן קבלת התורה והלוחות שהניחה הקב"ה על הר סיני ומשם נטלה משה רבינו, כי כתר תורה מונח בקרן זווית, וכל מי שנדבה לבו לגשת אל עבודת הקודש יכול לזכות בכתר זו.

בדבריו המשיך לעורר בגודל חיוב החינוך שמוטל על האבות בזמנינו עוד יותר משנות קדם, אשר אז נתחנכו הבחורים על ברכי רבותיהם, שאופן התנהגותם וקדושתם השפיע והזריח אור על תלמידיהם, בעבודת ה' ומדות טובות וקדושה וטהרה. לא כן אצל הרבה מגידי שיעור בזמנינו, אשר חוץ מאמירת השיעור בגפ"ת, אי אפשר לקבל מהם לקח טוב בהנהגת האדם בתפלה ואכילה ודיבורו עם הבריות, ובזמן כזה חובה יתירה מוטלת על האבות לחנך את בניהם, ולהיות דוגמא בהתנהגותם לבני הנעורים, שיתחנכו על דרכי התורה והיראה ובמדות טובות.

**רבינו שליט"א** ביאר בדרך נפלא מקראי קודש במשלי (לא) בענין דברי תוכחה ומוסר של בת שבע אמו של שלמה המלך לבנה ביום חתונתו ושמחת לבו כמבואר במדרש (במדב"ר י-ד), ועורר על חיוב התוכחה של ההורים בעת שרואים ירידה אצל בניהם, ובפרט בנסיונות הזמן.

כגון בעת שרואים אצלו כלי הסמארטפאון בלי שום חותם כשרות של פילטער מעולה חתום עליו, צריכין לעוררו שאי אפשר ליהודי להסתובב עם כלי כזו אשר מעברת את האדם על דעתו ועל דעת קונו. ובחלק עשה טוב שיקנו ההורים טלפון כשר להחתן והכלה לעת חתונתם, ולשלם ההוצאות מכיסם לשנה ושנתיים, וככה יתחילו הבנים לבנות ולייסד הבית על יסודות של קדושה וטהרה. ולסייע ביד הבנים לישב באהלה של תורה, אשר זהו הירושה האמיתית שנשאר לעולמים, שמניחים דורות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמעשים טובים.

בסיום הדברים דיבר **רבינו שליט"א** דברי הכנה לימי הקיץ, להכין עצמו ללמוד ולהגות המסכתא שבש"ס או מקצוע בתורה ולהשלימה במשך ימי הקיץ, אשר בזה יזכה להתעלות הרבה בימים הללו.

אחר כך נערכה סעודה שלישית ברוב עם על יד בית מדרשנו. **רבינו שליט"א** השמיע דברי אגדה ומוסר בפרשת ברכת כהנים, וסיים דבריו בדברי הכנה והדרכה לימות הקיץ הבעל"ט. - בברכת המזון נתכבד הר"ר **אהרן הערש עלבאגען** הי"ו.